# רבי יוסף דילה ריינה

## לעגענדע

ר׳ יוסף דילה ריינה,
אַ כשרער ייִד אַ פֿײַנער,
אויף דער גאַנצער וועלט,
קלינגט דער נאָמען זײַנער.

ער האָט געלערנט,
תּורה, קבלה און מדע,
אַ תּקיף איז ער אויבן...
אונטן אויך אַוודאי.

ער האָט געקלערט,
תּמיד זיך פֿאַרטיפֿט
צו דערטאַפּן דעם שׂטן
מקטרג וואָס מען רופֿט.

כּדי ער זאָל נישט
בילן אויף די ייִדן,
זיי זאָלן אין ארץ־ישׂראל
לעבן זיך צופֿרידן.

ער האָט זיך באַהאַלטן
ערגעץ אין אַ חדר,
עוסק געווען אין קבלה,
מתפּלל געווען כּסדר.

נישט געגעסן, נישט געטרונקען,
געלעגן נאָר אין וואַסער,

געוואָרן הויט און ביין,
דאָס פּנים אימער בלאַסער.

ער האָט זיך געשטאַרקט
אָנגעהויבן גיין,
ביז פֿון דער ווײַטן
האָט ער דערזען,

די הרי־חושך, די
נעסט פֿון די בישט־גוטע
פֿון לילית און סמאל
מיט זייער גאַנצער כּיתה.

די אַלע מיינט מען אַלץ
דעם שׂטן, די אומריינע זאַך,
איינער איז ער טאַקע
שלוחים האָט ער אַ סך . . .

געגאַנגען איז ר׳ יוסף
סײַ בײַ טאָג, סײַ בײַ נאַכט,
כּלי־מלחמה האָט ער
מיט זיך מיטגעבראַכט.

צוויי שופֿרות, און
בשׂמים זייער פֿיל,
און דאָס הייליקע ספֿר
פֿון דעם מלאך רזיאל.

קייטן צום בינדן . . .
אַ האַמער צום קלאַפּן . . .
אַזוי גייט זיך ר׳ יוסף
דעם שׂטן דערטאַפּן . . .

פּלוצעם האָט אָנגעהויבן
ר׳ יוסף שופֿר בלאָזן,

עס איז געוואָרן אַ רעש
אין די הרי־חושך אַ ירגזון.

די הרי־חושך זענען
באַלד געוואָרן צעריבן,
די לילית און סמאל
פֿון זייער היים פֿאַרטריבן.

די לילית האָט געבעטן,
אויך סמאל דער רשע:
— לאָז אונדז נאָך, ר׳ יוסף,
טו אונדז אונדזער בקשה!

דילה ריינה שרייַט:
— איך וועל אייַך ניט הערן,
דו אַשמדאי! דו לילית!
געבונדן מוזט איר ווערן.

ר׳ יוסף צעפּאַקט
זייַנע סגולות און רפֿואות,
זיי ליגן שוין געבונדן
די הענט מיט די פֿיס.

אַ שׂימחה אין הימל
בייַ די גוטע מלאכים,
מיכאל גייט אַ טענצל —
דער יצר־טובֿ נאָך אים.

עס פֿרייען זיך די אָבֿות
ביז אַבֿרהם דעם זיידן,
און אַלע צדיקים
מיט זיי אין גן־עדן...

און דאָרט נישט ווייַט
פֿונעם כּיסא־הכּבֿוד,

זעט מען זיך דרייען
שוין משיח בן דוד.

דען קוים האָט נאָר יוסף
די לייַט אין זייַן נעץ,
וועט ער שוין אַוודאי
ברענגען דעם קץ.

זיי זענען געגאַנגען
פֿון איין הימל צום צווייטן,
סמאל מיט דער לילית
געקאָוועט אין קייטן.

שוין באַלד בייַ דער שכינה
געוועזן די מלשינים,
פּלוצעם הייבט אָן
דער בעל־דבֿר בתחנונים.

מיט אַ טרויריק קול
די אויגן פֿול טרערן
האָט דער בחור געבעטן
אַזש אַ רחמנות צו הערן:

— ר׳ יוסף, איך בעט דיך,
הייליקער כשרער ייִד!
איך בין זייער שוואַך,
איך בין זייער מיד!

גיב מיר אַ שמעק טון
די בשׂמים, כ׳בין קראַנק
מאַך מיר, כ׳בעט דיך,
גרינגער דעם גאַנג.

ר׳ יוסף, אַ גוט האַרץ,
ווי אַ ייִד, אַ שטייגער...

האָט רחמנות באַקומען,
און געגעבן דעם קטגור

מיט אַלע זייַנע שדים
פֿון די בשׂמים אַ שמעק —
זיי האָבן זיך אויסגעריסן . . .
און אַוועק, און אַוועק.

זיי זענען געלאָפֿן,
מיט שׂימחה אין דער גיך.
זיי זענען באַפֿרייַט
פֿון חבֿלי־משיח.
— — — — — — — —

משיח, צוריק אין דייַן רו !
טוט עס אין הימל אַ ציטער.
ר׳ יוסף צעוויינט זיך . . .
אויך די מלאכים וויינען ביטער.

בוטשאַטש א תּמוז תּרס״ג